סאַטיר ווען דאָס בריוו נאַציאָנאַל ראָמאַנטיש [אין אָפּשטעלן]



יעקב גלאַטשטיין —

# עוג

עס רוקט זיך שוין באַלד אָן אייער 35 יעריקער יובילעאום און איך ווייס אַז מען וועט זיך צונויפֿקומען ארום אייך ווי ארום אַ מת אין אַ ארון און רעדן וועגן אייער פֿרוכטבאַר שאַפֿן. אָבער אייער שאַפֿן, האָכגעשעצטער אליהו־נחום, איז פֿורכטבאַר. ווען איך וואַרף אַ קריק־בליק אויף אייערע זעמטלאַכע 22 בענד וואָס גלאָצן אויף מיר פֿון מיין געדולדיקן ביכערשאַנק, זע איך אַז איר זענט אויפֿגעפֿרעסן געוואָרן פֿון סקעפּסיס. איר האָט פֿאַרביטערט זיך דאָס לעבן און אַלעמען דאָס לעבן פֿאַרנימעסט. דאָס לעבן דאַרף נישט קיין זויערע כירורגן, דאָס לעבן דאַרף אַ וועגווייזער, אַ פֿירער, אַ דערלייזער, אַ משיח. מיר (איך רעד אין נאָמען פֿון אייערע טויזנטער לעזער) ווילן דערלייז און נישט אויפֿלייז. איר האָט געמאַכט אַ טרויעריקן סך הכל פֿון דעם לעבנספּעקטאַקל (אַנטשולדיקט דעם גראַם) און וואָס איז דער רעזולטאַט? אייערע העלדן האָבן נישט קיין אָנהאַלט. זיי טאַפּן אין דער פֿינצטער. זיי זיינען סקעלעטן וואָס האָבן זיך אַליין ארונטערגעפּייניקט דאָס פֿלייש און זיך אָפּגעצערט די אָדערן. זיי האָבן געליטן, סטראַדאַיעט און געסאָפּערט. הודיהעל (האָט זיך באַ מיר שיער ארויסגעבאַפּט) דאַרף דאָס און וויל דאָס וויסן, אַ קאַנע מאַכט מען זיך בחדרי חדרים. דער עיקר'שט וואָס טוט מען אַז מען וויל נישט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד, אַז מען וויל פֿאָרט אויסלעבן די באַשערטע עטלאַכע צענדליק יאָר? איר האָט אויף (האָב איך אויסגערעכנט) ארום זיבן טויזנט זייטן. באַוויזן אַז הבל הבלים — ווי טיף אָריגינעל! פֿאַרשטייט זיך אַז עס פֿאַרבלייבט נאָך אייער סטיל, ספּעציפֿישער קוק אויף דעם לעבן און נאָך אַזעלכע שמאַכטעס (כ'בעט אייך פֿאַרצייען) אָבער וואָס טוט אַ מענש, וואָס האָט דאָס אַלץ אין דר'ערד און גיט נישט קיין גראַצער פֿאַר אייער ווערטערקראַצעריי און זוכט האָפֿט. יעסערי האָפֿט! איך וואוין אַפֿילו אין אַ האָטעל, אויף דעם זעכצנטן גאָרן אָבער איך וויל אַז אַ שרייבער זאָל מיך דערהויבן. איך וויל דערלייטערונג און הויפּטזאַכלאַך ציל און נישט שפּיל. איך מיין אַ שפּיל ארום נאַרנישט, ארום אַן אויסגעצאַקעטן גאַניץ. צוגעגעבן אַז גאָט האָט געמאַכט אַ טעות און אַזוי אַ געניצנדיק באַשאַפֿן זיין קאָצמאָץ — דאַרפֿט איר אים נאָכמאַכן, מוזט איר אויך באַשאַפֿן ציללאָזיקייט?

פֿריינט אליהו־נחום, איך שרייב אייך דאָס אַלץ דערפֿאַר ווייל עס טוט מיר ווי דאָס הארץ אויף אייך. פֿאַרשטייט אַז אונזער לעבן האָט זיך צעצווייט, צעדריטלט און צעפֿערטלט. ניו יאָרק (איך וועל שוין פֿאַרקלענערן דאָס געמאַך און רעדן פֿון אידיש לעבן אַליין, כדי עס זאָל ווערן צוטריטלאַכער מיט איר אָרטאָדאָקסיש און רעפֿאָרם יודנטומטום (ביטע צו באַמערקן דעם יודן) מאָסקווע (דאָ לאָזן זיך באַ מיר ארונטער די הענט און איך שריי גלאַט גוואַלט פֿון התפּעלות, ווייל אַלע עפּיטעטן און אַדיעקטיוון זיינען גאַרנישט שבגאַרנישט אַנטקעגן דער פּיאַטילעטקאַ) ווילנע מיט אירע שימות. (שטילע, פֿרומע באָבע ווילנע. וואָס קלייבסט אַזוי ציכטיק־פּאַרכטיק און ליגסט אַוועק אין פּעסלאַך, כדי עס צו באַגראָבן אויף דעם הייליקן אָרט צוזאַמען מיט ערלות פֿון טויזנטער אידן באַ וועמען דער נאַר איז פֿונדעסטוועגן אויף קיין האָר נישט קלענער געוואָרן, טראָץ דער געלינגענער מאַהעליסטיק) אַ ביסל בוויניסיירעסן (אַ נייער ישוב געבויט אויף אַ פֿונדאַמענט פֿון קאָלאָניזאַציע און קאַנאַליזאַציע, אַפּפֿלוס, פֿלוס פֿון דער עלטסטער פּראָפּעסיע, דאָס נוויטיסע איבל שמיבל).



איז האָט איר פֿאַר זיך, ליבער אליהו־נחום, אַ קלאָרע מאַפּע פֿון אונזער טעטיקייט (איך האָב עס מיט אַ ראַזון פֿאַרמיקראָט, פֿאַר'עולם־קטנ'ט, כדי עס זאָל אייך זיין ליכטער צו וואַרפֿן אַ בליק אויף אייער שוידערלאַכער שטערבלאַכקייט). וועלכער צענטער וועט אייך געבן אָן אָפּרוף? איר זענט נישט גענוג הייליק פֿאַר ווילנע, נישט גענוג רעוואָלוציאָנער פֿאַר מאָסקווע, נישט גענוג וואָכיק פֿאַר ניו יאָרק און נישט גענוג פֿאַרעווע פֿאַר בוויניסיירעס. צאָ פּאַן זראַביע ווען דער טאָג וועט קומען?

איך שרייב אייך דאָס אַלץ ווייל —

דער שריפֿטשטעלער אליהו־נחום (ער האָט זייער ליב דאָס בעל מלאכה'דיקע וואָרט שריפֿטשטעלער. שטעלן שריפֿט איז אַ גלייכע ארבעט מיט שריפֿטזעצעריי, דאָס באַרימטע גרייזנפּאַך) האָט נישט דערלאַנגט דעם בריוו פֿון דעם איבערגעגעבענעם לעזער. דער בריוו האָט נאָך געהאַט וועלכע צוואַנציק זייטן און ער האָט באַשלאָסן עס אָפּצולייגן אויף מאָרגן.

מאָרגן איז אויך אַ טאָג. מען טאָר נישט ארייננכאַפּן אַלץ אויף איין מאָל. מען דאַרף עס נישט אַפּיקורס'יש אויפֿאַכלען אין איין זיץ.

אויף דעם באָספּאָר (אָדער באָספּאָרוס) איז געווען אַזאַ פּראַכט, אַז מען ברויך זיין שטאַרקער פֿון אייזן דאָס אויסצוהאַלטן, אַ זון האָט די בלויע (אַזאַ בלוי איז אין ערגעץ נישט צו זען), וואַסערן באַגאָסן מיט שטיקער הייס רויט־גאָלד. די וואַסערן האָבן אויסגעזען וואַרים און נאָכגעביק. לאַשטשענדיק האָבן די וואַסערן זיך אַליין פֿאַרוויגט מיט בלעזלען פֿון קליינע פֿאַליעס וואָס האָבן געפּלאַצט. אַזוי שנעל ווי זיי זיינען געבאָרן געוואָרן, מיט אַ ליכטן פּלעסק פֿון פֿאַרנאַכטיקע וועמלעם אויפֿן וואַסער. אין ווענעציע ווידער האָבן די גאָנדאָלאַס —

אָבער אליהו־נחום איז קיינמאָל נישט געווען אין ווענעציע און נישט באַם באָספּאָר. שוין ארום פֿערציק יאָר ווי דער באַרימטער שריפֿטשטעלער איז צוגעקאָוועט צו דער האַרונאַלראַשיד שטאָט ניו יאָרק (באַגדאַד! גאָלדענער חלום פֿון די אַראַבישע נעסט, גאָלד צעצונדענע דעכער אויף יענער זייט האָדסאָן). די זון אינדרויסן איז נישט געווען אַזוי צויבערהאַפֿטיק ווי באַם באָספּאָר, וואו אַ סך פֿון אליהו נחום'ס חברים זיינען שוין יאָ געווען. אָבער זון בלייבט זון און אולטראַ ווייאָלעט און וויטאַמין „די" איז נישט קיין קלייניקייט.

פֿון אַלע זיינע העלדן וואָס אליהו־נחום האָט אויסגעטראַכט איז ער אַליין געווען דער טרויעריקסטער און ס'איז אים טאַקע געווען אַ וויסטער פֿינצטערער צער אויף זיך אַליין. דער בריוו וואָס דער לעזער האָט אים צוגעשיקט איז געקומען גראָד אין צייט ווען ער האָט פֿאַרטראַכט אַ ניי ווערק. אים האָט זיך שטאַרק פֿאַרגלוסט שרייבן אַ טראַגעדיע ארום דעם לעבן פֿון עוג מלך הבשן, דער שלימזל'דיקער ריז וואָס אין אַ וועלט פֿון קאַרליקעס איז ער נאָך אומבאַהאָלפֿענער פֿון זיי, וואָס באַמבלט זיך ווי אַן איבריקער און מוז אויספּאָרן אַ וועלט, כדי צו געפֿינען אַ טייך, ברייט גענוג און טיף גענוג, וואו ער זאָל זיך קענען דערטרינקען פֿון גרויס פֿאַרצווייפֿלונג.

וואָס מאַכט מען פֿון עוג מלך הבשן? אַזאַ מאָנומענטאַלע פֿיגור קען נישט באַשליסן צו ווערן אַ אידישיסט, אָדער אַ ציוניסט. קאָמוניזם איז אויך נישט שטאַרק צו־

געפּאַסט. ער מוז אבער לייזן דאָס (די אָדער דעם) פּראָבלעם פון ווײ. אז נישט וועט דער דריי־און־צוואַנציקסטער באַנד זיינער זיין פּונקט אזוי פּוסט און צו גאָרנישט־דערפירנדיק ווי זיין צוויי און צוואַנציקסטער.

מיר וואָלטן גרייזלאָך דאָ געוואָלט באַשרייבן ווי אזוי דער שריפטשטעלער אליהו־נחום האָט אויסגעקוקט, אָבער אויס רחמנות צו אים און אויס אייגזזעניש דערפאַר, וואָס אליהו־נחום האָט נאָך געהאַט אַ יונגע געליבטע וועלן מיר עס נישט טאָן. (דאָס איינציקע גליק און דער איינציקער באַלוין פאַר אַ קינסטלער. גלאַט אזוי אַ זקן קען לאַנג וואַרטן אז אַ יונגע מיידל זאָל זיך אין אים פאַרליבן. אָבער אַ קינסטלער איז אַן אַנדערע קאַטעגאָריע. פון אַ קינסטלער קען מען דאָך עפּעס אַ סך דערוואַרטן).

זיין יונגע געליבטע האָט געהאַט שוואַרצע טיפע גריבער אונטער די אויגן פון אַ סך דערוואַרטן, ווייל דאָס וואָס אליהו־נחום האָט געהאַט פאַר איר פאַראויבריקט איז אפילו נישט גענוג געווען פאַר אַ פייגעלע. ווער שמועסט פאַר אַ יונג מיידל מיט אַ לירישן געמיט.

וועלן מיר אים נישט באַשרייבן און הויפּטזאַכטלאָך דערפאַר ווייל דאָס יונגע מיידל האָט נאָר וואָס אַריינגעטאַנצט, אליהו־נחום האָט זי אַרומגענומען ווי דאָס איינציקע ביסל אָפּגעשפּאָרטס פון זיין גאַנצער שריפטשטעלערישער קאַריערע.

טייער מיידעלע. זוניק מיידעלע. שטיל אבישגיל (האָט ער געטראַכט און טראַכטנדיק האָט ער זיך דערמאַנט אָן אַ כאַלדעאישן אַנעקדאָט וועגן דעם קעניג דוד).

דער כאַלדעאישער שרייבער אַנפּנתא, דערציילט אליהו־נחום פאַר זיין געליבטער, איז אַ מעשה ווי מען איז אַמאָל צום פּסאַלמענזינגער געקומען זאָגן, אַז זיין אַרמיי ליידט שטאַרק פון מאָגן — די עסנס זיינען נישט געווען גוט אפילו פאַר די סאָלדאַטסקע בייכער — און די גאַנצע אַרמיי האָט געליטן פון נישט־פאַרדייאונג.

וואָס? האָט ער זיך צושריגן אויף זיין מיניסטער. די מאָגנס גאָר? איך בין זיכער אַז זיי שוואַנגערן און זאָל מען זיי טאַקע תּיכף אַרויסשיקן טויזנט יונגע אַקושערקעס.

אַז דער מלך הייסט איז נישטאָ קיין ברירה. האָט מען אַרויסגעשיקט יונגע שיינע אַקושערקעס און דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן טאַקע געהאַט קינדער און די זעלנער האָבן זיך אויפגעהערט באַקלאָגן אויף די עסנס.

די געליבטע לאַכט מיט אַ פאַרביינקט פאַרוויטיקט געלעכטער.

שרייבסט עפּעס, אליהו־נחום?

איך האָב פאַרטראַכט אַן אַרבעט וועגן עוג מלך הבשנ'ען, דעם אומגליקלאַכן ריז. אַז עוג פלעגט זיך אַוועקלייגן מיט דער ריזעכער זיינער פלעגט ער אָפּליגן ניין חדשים און ליגן אזוי לאַנג ביז דאָס ניי־געבוירן ריזעלע פלעגט אים אַרויסקאָפּן פון בעט. נישט קיין רחמנות?

אַ רחמנות, אַ גרויס רחמנות, האָט זי געענטפערט גליענדיק אין דער פינצטער.

און דאָס וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן אַקוראַט ווי שפּעט עס איז? אַז ער האָט געוואָלט זען ווי שפּעט עס איז פלעגט ער זיך דאַרפן אַרונטערבויגן צום העכסטן זייגערטורעם. אַרונטערבויגן פלעגט אים נעמען דריי שעה מיט עטלאָוע מינוטן, ביז ער פלעגט אַרויפהויבן קריק דעם קאָפּ. פלעגט ער ערשט נעמען חשבונ'ען



און אַרונטערעכענען אזוי אַז ער פלעגט קיינמאָל נישט וויסן גענוי ווי שפּעט עס איז נאָר ווי שפּעט עס איז געווען, נישט קיין רחמנות?

אודאי אַ רחמנות. בנאמנות אַ רחמנות. אָבער וואָס מאַכט מען פון עוג'ן? אידישיסט? אַ משיח'יסט? עס האַנדלט זיך אָן דערלייזן דעם העלד, דעם לעזער. מען קען דאָך אייביק נישט צעטרענצלען דעם טאַלאַנט אויף קליינקייטן. מען מוז דאָך טראַכטן פון אַ תכלית, וואוהין דערפירט מען אזאַ ריז? מאַכן אים פאַר אַ און זיך אליין.

און מיך ווער וועט דערלייזן? האָט זי געפרעגט מיט אַ שטילן פאַרוואורף. ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. נאָר אינווייניק באַ אים האָט עפּעס אַ קרעכץ געטאָן.

אַ בייזע כאַראַבע אויף די יאָרן, האָט ער זיך געבייטשט מיט הייסע געדאַנקען. וואָס מען קומט צו אזאַ גרעניץ אַז מען קען אפילו נישט דערלייזן קיין יונג מיידל.

און אויפן קול האָט ער געזאָגט מיט אַ שמעוודיקער שטים:

— איך וועל דיר דערציילן נאָך אַן אַנעקדאָט.

זי האָט אַ טיפן זיפץ געגעבן.

---

מאַרק שוויד

# שפּרוכן

## צו די דיכטער

מיינע דיכטער, יעדער
מוז זיין לאַסט פאַרטראָגן,
זינגט נאָר טינט און פעדער,
מעג מען דריימאָל זאָגן:
דזשענגעכץ אין די רעדער,
גאָלדן שטרוי אין וואָגן.

## צו אַ טיפן דענקער

דו טראַכטסט אַראָפּ,
אַלץ טיף און טיפער,
און נויגסט דיין קאָפּ
פּאַמעלאַך שיפער.
דיין זין איז רייך,
נאָר עפּעס דומלאַך.
דו רעדסט גאָך גלייך,
נאָר טראַכט שוין קרומלאַך.

## צו אַ האַרטן דיכטער

זיץ נאָר אויף דיין שווערן ווײ,
לייגסטו שוין דיין בלייען איי.

## איינרעדעניש

אַ נאָז אַ פאַרשפּיצטע,
די אויגן אַרויס,
פאַנטאַזיע צוהיצטע;
בלויז איך בין דאָ גרויס.

## צו אַ פּרינציפּיעלן מענטש

ביזט פעסט און קאַלט ווי האַרטע ערד,
עס פעלט נאָר שטאָל פון ריינע ליפּן,
דו ביזט אַ מענטש פון בלויז פּרינציפּן,
נאָר זיי נישט קיין פּרינציפּן־פערד.

## דער שטאַמלער

אין דיר האָט זיך אַ גאָט פאַרשטעלט;
דו ביזט דער אָנהויב פון דער וועלט,
ווען גאָט האָט אייז אויף אייז געזאַמלט,
און האָט די וועלט אַרויסגעשטאַמלט.

## צו איינעם וואָס שרייבט פּאַמעלאַך

צו וואָס דיין מוזע מאַטערן,
ווען זי גייט צו קינד?
לאָז דיין טראַכטן פלאַטערן,
ווי אַ פאָן אין ווינד.